# אַ מיידעל אין די יאָרען

איך בין שוין אַ מיידעל אין די יאָרען,
וואָס האָסטוּ מיר דעם קאָפּ פֿאַרדרייט;
איך וואָלט שוין לאַנג אַ כּלה געוואָרען,
און אפֿשר טאַקע חתונה געהאַט.
{ ביס

דוּ האָסט מיר צוּגעזאָגט נעמען,
איך האָב אויף דיר געוואַרט;
פֿאַרוואָס זאָלסטוּ, דוּשעניוּ, מיך פֿאַרשעמען,
צי האָסטוּ דיך אין מיר גענאַרט.
{ ביס

און אפֿשר גייט דיר, קעצעלע, אין נדן,
דיִ מאַמע וועט פֿאַרקויפֿען די שטוּב;
מיר וועלעןביידע חתונה האָבען,
ווייל איך האָב דיך ליב!
{ ביס

און אפֿשר ווילסטוּ וויסען מיין יחוּס,
דער זיידע איז געוועזן אַ רב;
לאָמיר זשע ביידע חתונה האָבען,
און זאָל שוין נעמען אַ סוף ...
{ ביס